Rok I. Kraków, 4 września 1909 — כראקא, י"ז אליל תרס"ט. Nr 34




**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Judische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזאסקא 62. טעלעפאן נר' 412.
עסטערר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר 49. פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר' 16
הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סאראריע נר 151.

# דער קריעג אין מאראקא.



דער קריעג אין מאראקא: די שפאניער לאזען ארויף זייער לופט באלאן, כדי צו קאנטראלירען די מאראקאנישע שטעלונג, פאר'ן אנגריף אויף איהר.

אינהאלט: אבדאנקונג פון גריעכישען קעניג — צוריקאויפבויען דאס בית־המקדש — א מיליאנער אים משוגעים־הויז — דער קאיזער און דער קינעמאטאגראף או. ז. וו.

# צו די לעזער.

מיט דער היינטיגער נומער לעגען מיר בײ. אלע נאנציעהרינע אבאנענטען די ארץ־ישראל לאזע. די ציעהונג וועט שטאטפינדען ביום א׳ ב׳ דחוה"מ סוכות, 4 א זייגער נאכמיטאג אין קראקא, גראדנאסע 62, — יעדער אבאנענט וועט האבען דאס רעכט, דער ציעהונג בייצוואהנען.

ווער ס׳וועט אבאניערען דאס בלאט אויף א גאנץ יאהר ביז צום 25 סעפטעמבער, וועט נאך האבען דאס רעכט אויף דער ארץ־ישראל פרעמיע.

פיערטעליעהרינע און האלביעהרינע אבאנענטען, וואס וועלען איצט צושיקען דעם אבאנעמענטס־בעטראג ביז אויף א גאנץ יאהר, וועלען אויך האבען דאס רעכט אויף דיזער פרעמיע.

---

די פערשלייסער און אנענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען די רעכנונגען, כדי מיר זאלען נישט געצוואונגען זיין, אונטערצוברעכען די צוזענדונג פון׳ם בלאט.

די יענינע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט האט זיך געענדיגט, ווערען געבעטען, עס באלד צו ערנייערן, כדי עס זאל נישט איינטרעטען קיין אונטערברעכונג אין דער עקספעדיציע פון׳ם בלאט.

## די אדמיניסטראציע.

---

# דער קריעג אין מאראקא.

זייט עטליכע טעג הערט זיך כסדר, אז די שפאניער רוקען ארויס צום אפענזיוו־קאמפף נעגען די מאראקאנער. ידיעות איבער א שלאכט זענען נאך לעת־עתה נישט געקומען, מען ווייסט איבערדעם נישט, אויב ס׳איז שוין טאקי געקומען דאצו, אדער די שפאניער מאכען נאך אלץ הכנות.

טהאטזאך אבער איז, אז די לאגע פון די שפאניער איז זעהר א שווערע, די מאראקאנער בעהערשען דאס געבירגע ארום דער פעסטונג מעלילא, וועלכעס איז איבער 3000 מעטער הויך און די שפאנישע ארטילעריע איז צו שוואך, דעם פיינד פון דארט אויבען צו פערטרייבען.

דער פלאן, צו פערטרייבען די מאראקאנער מיט דער הילף פון דער שפאנישער פלאטע, קען אויך נישט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל די קאנאנען פון די קריעגס־



אבדאנקונג פון גריעכישען קעניג: קעניג געארג פון גריעכענלאנד.



דער קריעג אין מאראקא: געפאנגענע מאראקאנער בעטלען ברויט דורך די פענסטער פונ׳ם ארעסט

שיפען גרייכען אויך נישט אזוי וויים. די לאגע פון די שפאניער איז איבערדעם זעהר א שווערע און ס׳איז א ספק, אויב אפילו מיט 70,000 מאן, ווי זייער קאמענדאנט פערלאנגט, וועלען זיי קענען בעזיעגען די קאבילען.

אויף דעם בילד וועלכעס מיר ברענגען אין היינטיגער נומער, איז צו זעהען, ווי די שפאניער גרייטען זיך אן צום קאמפף געגען די מאראקאנישע פאזיציעס. וועלכע געפונען זיך אויף די הויכע בערג. דער שפאנישער לופטבאלאן שטייגט אויף, כדי גענוי פעסטצושטעלען, וואו די מאראקאנער געפונען זיך. דאס איז גוט געלונגען, אבער ווי אזוי די שפאניער וועלען ארויף די בערג — ווייסען זיי אליין נישט.

דערווייל בעהאנדלען די שפאניער זעהר גרויזאם די מאראקאנישע געפאנגענע, וואס זענען זיי געפאלען אין די הענד. הויפטזעכליך ניבט מען זיי נישט צו עסען, אזוי אז זיי מוזען דורך די פענסטער פונ׳ם קערקער בעטלען ברויט ביי די פאריבער געהענדע מאראקאנער, וואס וואהנען אין מעלילא.

* * *

די לאגע פון די שפאניער אין מארא־קא בכלל איז זעהר טרויריג, ווייל ס׳איז דעם סולטאן מולייהאפיד געלונגען, צו בעזיעגען זיין געגנער, דעם הייפטלינג בו־האמורא, וועלכער איז געווען דער איינציגער פריינד שפאניענס אין מאראקא.

בו־האמורא האט זיך אויסגעגעבען אלס זוהן פונ׳ם פערשטארבענעם סולטאן און געמאכט אנשפריכע אויף דעם טהראן. א צייט לאנג האבען איהם פיעל מאראקאנישע שבטים אונטערגעשטיצט און ס׳האט אויסגעזעהען, אז ס׳וועט איהם געלונגען, מוליי־האפיד׳ן אראבצוווארפען פון דער רעגיערונג. אין דער לעצטער צייט אבער האט ער א גרויסען טהייל פון זיינע אנהענגער פערלוירען, איז אין עטליכע צוזאמענשטעסע מיט׳ן סולטאנ׳ס מיליטער דורכגעפאלען און האט געמוזט אנטלויפען צו א בעפריינדעטען שבט. באלד אבער איז דארט אנגעקומען א משולח פונ׳ם סולטאן, מיט דער דראהונג, או אויב מען וועט בו־האמורא׳ן נישט אויסליעפערן, וועלען אלע דערפער פונ׳ם שבט פערברענט ווערען. די דראהונג האט געווירקט, בו־האמורא׳ס אנהענגער זענען איבערגעגעבען געווארען דעם סולטאן. ער אליין און עטליכע פריינד האבען זיך גע־צעטעט אין א מאשענע אריין, פון וואנען מען טאר זיי לויט דער מאהאמעדאנישער רעליגיע נישט ארויסנעהמען מיט געוואלט.

אבער די בייטרע מאראקאנער האבען זיך מיט זיי אן־עצה געגעבען. ארום דער מאשעע האט מען אנגעלייגט ריגע טרוקענע צווייגען און זיי אונטערגעצונדען. באלד איז דער רויך אין דער מאשעע געווען אזוי שטארק, אז ס׳איז די געפאנגענע נאך איבערגעבליעבען די ברירה: ענטוועדער דערשטיקט צו ווערען אין רויך אדער זיך אונטערצוגעבען...

זיי האבען געוועהלט דאס צווייטע און זיך אונטערגעגעבען. בו־האמורא איז א־יינגעזעצט געווארען אין א אייזערנער שטייג און מען וועט איהם ארומפיהרען אין גאנץ מאראקא ווי א ווילדע חיה, כדי צו ווייזען די מאראקאנער, וועלכען סוף ס׳האט א "מורד במלכות". זיינע אנהענגער אבער ווערען גענלאגט מיט די גרעסטע עינויים. אין געגענווארט פונ׳ם סולטאן ווערען זיי אבגעהאקט שטיקער הענד אדער פוס און דערנאך די איבערגעבליבענע שטיקער איברים בעגאסען מיט ברענענדיגען פעך. שפעטער ערשט האקט מען זיי אב די קעפ און הענגט זיי אויף ארום די מויערן פון דער שטאדט, "למען ישמעו וייראו ולא יזידון עוד"...

עהנליכע גרויזאמקייטען איז אויך דער אבגעזעצטער סולטאן אבדול־אזיס פריהער בעגאנגען נעגען די איצטינע אנהענגער פון מוליי־האפיד. דאס האט אבער נישט געהאלפען, איהם צו דערהאלטען אויפ׳ן טראהן, אויך מוליי־האפיד איז דאמיט נישט געוויכערט, ס קען



אוים, עגוגען אין דער טירקיי: גענעראל מוקטהאר פאשא.

זיין, אז באלד וועלען אין מאראקא ווידער פארקומען נייע איבערקעהרענישען.

* * *

א דייטשע צייטונג גיבט איבער אינטערעסאנטע פרט'ים וועגען די יודען, וועלכע וואוינען אין מא־אקא אין געגענד ריף, וואו יעצט קומט איצט פאר די מלחמה פון די שפאניער קעגען די קאבילען.

די יודען זענען מעקלערס צווישען די שפאניער און די קאבילען. זיי שטאמען א־ויס פון די שפאנישע יודען (גולי ספרד). זיי נעהען געקלייד'עט ווי די קאבילען און פיהרען זיך בכלל אין גאנצען אזוי ווי די קאבילען. די דא־טיגע יודען דערקענט מען נאר דורך דעם, וואס זיי טראגען לאנגע פאות און האבען אייך אנדערע גע־זיכטס־ציגען פון די קאבילען. די מא־אקאנער לעבען גוט מיט די יודען און פערפאלגען זיי נישט אזוי פיעל. ווי־פיעל עס ווערען פערפאלגט די יודען, וועלכע וואוינען טיפער אין לאנד.

דער רוב פון זיי זענען בעלי מלאכות, שוסטער, זאטלען־מאכער, שטריק־מאכער, נאלד־שמידען, קופער־שמידען, א גרויסער טייל פון זיי פערנעהמט זיך אויך מיט מסחר. קיין ערד־ארבייטער איז צווישען זיי נישט דא. יעדער יוד בעצאהלט א מאראקאנער א געוויסע סומע דערפאר, וואס דער מאראקאנער זאל שיצען איבער איהם. די יודען איז ערלויבט צו רייזען אין די אינערליכע גר־



א גרויסער גט־סקאנדאל: קריעגסמיניסטער גענעראל סוכאמלינאוו.

בעטיעס פון דער מדינה, קיין אלזשיר און קיין שפאניען. זיי מעגען אויך אנפיהרען די געשעפטען פון גאנצען שבט. אבער איין בעגרענצונג איז דא פאר זיי. זיי טארען זיך נישט ערווערבען אונבעוועגליכע פערמעגענס. זיי קענען אפילו נעהמען א הויז אויף ־ארענדע, אבער דער בעל־הבית מעג ארויסווארפען זיינע יודישע שכנים, ווען ער װיל נאר.

די יודען האבען פערבונדען די מאראקאנער מיט די שפאניער פון מעלילא אין מסחר־בעציהונגען. איצט צוליעב דער מלחמה איז די יודען דארט זעהר שלעכט. זיי ווע־ען פע־פאלגט סיי פון די שפאניער, סיי פון די קאבילען. אין איין נאכט האבען זיך בעהאלטען א גרויסע צאהל יודען פון מעלילא'ער אומגעגענד אויף א פ־אנ־צויזיש שיף. די איבריגע יודען זענען אין א גרויסע סכנה.

# א גרויסער גט־סקאנדאל.

שוין א פאר וואכען אז נאנ'ץ פעטערסבורג, איבערהויפט אין די הויכע קרייזען, קאכט וועגען א גרויסען גט־סקאנדאל, אין וועלכען עס שפיעלט די הויפט־ראליע דער קריעגס־מיניסטער סוכאמלינאוו.



יודישע פרויען פון טוניס אים זעע־באר.

זייענדיג גענעראל־גובערנאטאר און מיליטער־קא־מאנדיר אין קיעוו, האט זיך דער גענעראל סוכאמלינאוו בעקאנט געמאכט מיט א יונגער און זעהר שענער דאמע בוטאוויטש, א פרוי פון א בעאמטען פון בילדונגס־מיניס־טעריום און זעהר א רייכען פ־יץ. סוכאמלינאוו האט בעשלאסען חתונה צו האבען מיט דער פ־וי, און דעריבער האט מען אנגעהויבען זיכען פערשידענע מיטלען, ווי אזוי פטור צו ווערען פון מאן. און וויל לויט'ן געזעץ קען זיך א פ־אוואסלאווגע פאר־פאלק גט'ן נאר ווען איינער פון זיי ווייזט זיך ארויס פאר נישט ארענטליך אדער קראנק אויף געוויסע קראנקהייטען, האט מען דעם מאן בוטאוויטש געוואלט פערפלאנטערען אין פערשידענע מיאוסע ענינים, כדי צו געפינען א מאטיוו צו גט'ן זיך. מען האט איהם אונטערגעשיקט פערשידענע "דאמען", וועלכע זאלען איהם פערוויקלען אין א מיאוס פער־העלטניס, כדי צו האבען א מאטיוו, דורכצופיהרען דעם גט. בוטאוויטש האט זיך אבער נישט געלאזט און אלע דיעזע פערפיהרונגען אבגעווייזען.

די גאנצע צייט האבען זיך די שפעקולאציעס נישט איינגעגעבען, נאר ערשט, זייענדיג אין פעטערבורג אלס קריגס־מיניסטער, האט סוכאמלינאוו געווירקט, אז מ'זאל געבען דער פרוי גט. ווארום דאס איז אונגעזעצליך.

אזוי האבען די צייטונגען ביז אהער דערצעהלט. דאבייי האט מען צוגעגעבען, אז ווענען דער מעשה האט זיך דערוואוסט סטאליפין און עס ווערט געפיה־ט א אויספארשונג מיט'ן צוועק איבערצוגעבען די שולדיגע צום געריכט.

די געשיכטע האט ארויסגערופען די פערשיעדענסטע קלאנגען. פונדעסטוועגען האט גענעראל סוכאמלינאוו זיך אויף די פרוי בוטאוויטש די גאנצע צייט געשווינען. נאר ערשט זענען איינינע פעטערבורגער צייטונגען ארויס מיט נייע ענדעקונגען ווענען דער געשיכטע, וועלכע שטעלען די זאך אנדערש פאר.

לויט די לעצטע ערצעהלונגען פון די פעטערבורגער צייטונגען איז דער מאן בוטאוויטש א קראנקער און נישט נא־מאלער מענש. די גאנצע 5 יאהר פון דער חתונה אן האט ער זיין פ־וי אונמענשליך געפייניגט און פאר יעדע קלייניגקייט אכזריות'דיג געשלאגען, געטראטען מיט די פיס און געריסען ביי די האהר.

צופעליג האט זיך גענעראל סוכאמלינאוו בעקאנט מיט דער פאמיליע און פלעגט זיי אפט בעזוכען, נישט וויסענדיג די טראגעדיע, וואס עס שפיעלט זיך דא אב. נאר איינמאל, זייענדיג אין אויסלאנד, האט ער בעגעגענט די פרוי בוטאוויטש, וועלכע איז געלעגען פערוואָרפען נאך א שווערער אפעראציע אין עלענד און נויט, ווייל דער מאן האט איהר א גראשען געלד נישט געשיקט. די עלענדע פרוי האט פאר'ן גענעראל אויסגערעדט איהר ביטער הארץ. סוכאמלינאוו האט רחמנות געקריגען אויף איהר, האט איהר געשטיצט מיט געלד און ענדליך האט ער איהר פארגעלעגט, אז אויב איהר וועט זיך איינגעבען צו בעפרייען זיך פון איהר מאן, וועט ער מיט איהר חתונה האבען.

ווען די פרוי איז צוריקגעקומען א היים, קיין קיעוו, האט דער מאן איינגעשטימט צו געבען איהר גט, אבער דערוויסענדיג זיך פון גענעראל סוכאמלינאווס פארשלאג, האט ער דערפון תרטה געהאט און האט איהר ווידער



א מיליאנער אים משוגעים־הויז: דער מיליאנער טהו (X) פאר זיינע ריכטער.

אזוי אנגעהויבען צו פײַנינען, דאס זי האט זיך שוין נעהאלטען בײַ'ם נעהמען דאס לעבען.

דערנאך האט ער ווײַטער אײַנגעשטימט צו נעבען איהר גט, אבער מיט דעם תנאי. אז זי זאל די שילד נעהמען אויף זיך און דעריבער זאל זי טאקי בענעהן פאר עדות אין די אויגען א מיאוסען פערברעך מיט א פרעמ־דער פערזאן.

בוטאוויטשיען האט זיך ווי עס איז אײַנגענעבען צובעקומען סוחאמלינאוו'ס בריעף צו זיין פרוי. די בריעף האט ער איבערגעשיקט סטאליפינען מיט פערשיערענע ראנאסען אויף סוחאמלינאוו'ן, וואס, אויספארשענדיג. האבען זיי זיך ארויסגעוויזען אלס פאלשע.

איצט האט די פעטערבורגער קאנסיסטאריע בע־שלאסען צונעבען דער פרוי גט, נאר דער מאן האט נענען דעם פראטעסטירט אין סינאד.

אזוי דערצעהלען די נעשיכטע די צייטונגען, וואס האבען זיך בעקאנט מיט פערשיערענע דאקומענטען, וואס האבען א שייכות צו דער זאך.

דאך הערען נישט אויף די פערשיעדענסטע קלאנגען וועגען דעם, און איז נאך איצט א סברא, אז סוחאמלינאוו פערלאזט זיין שטעלע.



דער קאיזער און דער קינעמאטאגראף: דער קאיזער פערלאזט זיין פאלאץ פאהרענדיג צו דער יאגד.

# דער קאיזער און דער קינע־מאטאגראף.

קאיזער פראנץ־יאזעף האט זיך די טעג, אויף א יאגד אין זאלץ־קאמער־גוט, ערלויבט אבצופאטאגראפירען פון א קינעמאטאגראף־געזעלשאפט. די ערלויבניש איז נעגעבען געווארען מיט דעם תנאי, אז דאס בילד זאל צום ערשטען מאל געוויזען ווערען פאר'ן פובליקום אויף דער יאגד־אויסשטעלונג אין וויען 1910.

די קינעמאטאגראפען־פאטאגראפיע פון קאיזער מיט זיינע געסט איז פארגעקומען בײַ זעהר א שען וועטער אויף דער ריעזען־יאגד. אויך וועלכער עס האבען זיך גע־פונען, אויסער דעם קאיזער, אויך די פרינצען לעאפאלד און געארג פון בייערן און נאך א גרויסע געזעלשאפט. 14 טעג פריהער האבען געארבייט אויף די הכנות צו דער פאטאגראפיע 7 פראנצויזישע פאטאגראפען אונטער דער פיהרונג פון דעם דירעקטאר פראנצויז.

די סעריע פון די קאיזערליכע קינעמאטאגראפישע פאטאגר־אפיעס הויבט זיך אן מיט'ן בילד, ווי דער קאיזער פאהרט ארויס אין זיין אישלער זומער־וואהנונג. די אפא־ראטען זענען געשטאנען גראדע נעגענאיבער דעם טויער פון דער קאיזערליכער ווילא און האבען אנגעהויבען אר־בייטען אין יענעם מאמענט, ווען דער קאיזער האט זיך בעוויזען אין דרויסען. דער קאיזער האט, ווי [illegible] ווייזט אויס, עקסטרא צוליעב די פאטאגראפען, זיך אביסעל אויפגעהאלטען בײַם אײַנ־זיצען אין עקיפאזש. ער איז גע־שטאנען און געווארט אויף די געסט, און ווען ער מיט דער געזעלשאפט איז פאר־בײַגעגאנגען פאר די ברומענדע אפא־ראטען, האט ער זיך א ביסעל אבגע־שטעלט, כדי דאס בילד זאל קענען אויפגענומען ווערען, און ערשט דערנאך איז ער מיט די געסט אײַנגעזעסען אין די קאט־שען.

דאס צווייטע בילד שטעלט פאר, ווי דער קאיזער קומט מיט דער געזעלשאפט אויפ'ן אישלער וואנזאל און ווי ער פאהרט אב אין א אפענעם פ־אבטוואנאן. שטענדיג פלעגט דער קאיזער פאהרען אויף יאגד אין זיין סאלאך־וואנאן, נאר דאס מאל איז ער געפאהרען אין א אפענעם וואנאן, כדי די קינעמאטאגראפישע גע־זעלשאפט זאל איהם קענען גענוי ארונטערנעהמען אויפ'ן גאנצען וועג.

דערנאך האט דער אפא־ראט אבגעפאטאגראפירט, ווי דער קאיזער מיט דער געזעלשאפט זענען אויסגעשטיגען פון די וואגאנעס און די רעשטע וועג געפאהרען רייטענדיג.

נאך אם אינטערעסאנטעסטען איז געווען דאס קינעמאטאגראפישע אבפאטאגראפירען יענעם מאמענט, ווען דער קאיזער מיט זיין געזעלשאפט זענען אראבגע־גאנגען פון די פערד און געגאנגען צו פוס ביז צום ארט, וואס איז בעשטימט געווארען צו דער יאגד. ערשט האבען זיך אנגעהויבען די שענסטע און אינטערעסאנטסטע בילדער, ווי די ווילדע חיות ווערען געיאגט און ווי דער קאיזער שיסט זיי. זעקס פאטאגראפען האבען זיך אנידער־געשטעלט מיט דרייי אפאראטען גאנץ נאהענט אנטקעגען דעם קאיזער און אויפגענומען גענוי אלע איינצעלהייטען פון דער קאיזערליכער יאגד.

דאס איז דאס ערשטע מאל. אז א קינעמאטאגראף זאל מיטפאהרען מיט א קאיזער אויף א יאגד.

# כינעזישע יודען.

אין דער כינעזישער שטאדט קאי־פינג־פו [illegible] זיך א קהלה פון כינעזישע יודען, וועלכע וואוינען שוין דא־רט פון דעם חורבן בית־שני.

זיי זענען שוין אים גאנצען כינעזירט. זייער קליי־דונג, שפ־אכע און לעבענסווייזע איז גלייך צו די עכטע כינעזער. נאר דער טיפ פון זייערע פנים'ער האט נאך א יודישען שטריך.

פון דער יודישער רעליגיע האלטען זיי נאר געוויסע מנהגים פון תודת־משה. פונ'ם תלמוד און שלחן־ערוך ווייסען זיי נאר נישט. זיי בעזיצען א שוהל, וואו ס'גע־פונען זיך אלטע ספרי־תורות, וועלכע זיי ווילען אבער קיינעם נישט ווייזען. זיי זענען פונ'ם יודענטום שטארק ענטפרעמדעט, אפשר נאך מעהר פון די פאלאשען אין אבעסיניען.

פאר עטליכע יאהר האט זיך די יודישע קהלה פון שאנגהאי צו זיי געווענדעט מיט א בריעף. זיי זאלען טרעטען אין נאהענטערע בעציהונגען צו די איבריגע יודען. רעמילט איז אבער געווען תיכף נאך'ן יאפאניש־



כינעזישע יודען.

כינעזישען קריעג, האבען זיי נעענטפערט, אז איצט קענען זיי זיך נישט ארויסריהרען פון זייער ארט.

ס'וואלט כדאי נעווען, אז מען זאל זיך איצט מעהר פאר זיי אינטערעסירען, אפשר וועט מען זיי קענען נעהענטער ברענגען דעם יודישען דת.

# מארד און זעלבסטמארד.

א שוידערליך עראייגניס איז פאריגע וואך פארגעקומען אין וויען.

דער 22-יעהריגער באהנבעאמטער גרענער האט זיין כלה, ווילהעלמינא צעלער, מיט וועלכער ער האט געמיטהעט א צימער אין א האטעל, געקוילעט מיט א מעסער. דערנאך איז ער אוועק, זיך אונטערגעווארפען אונטער די רעדער פון א אייזענבאהן-צוג, וועלכער האט איהם דורכגעשניטען די פיס. א טאג לאנג האט ער זיך געמוטשעט אין די גרעסטע יסורים, און דערנאך געשטארבען.

פון די בריעף, וועלכע די ביידע האבען צוריקגעלאזט און פון גרענער'ס אויסזאגען פאר'ן טויט, איז די אורזאכע פונ'ם זעלבסטמארד געוועזען פאלגענדע:

די ביידע זענען שוין לאנג פערלאבט, נישט בעזיצענדיג די מיטעל חתונה צו האבען, וויל די צעלער איז געוועזען א דיענסט, ער א באהנבעאמטער מיט א קליינעם געהאלט.

פאר קורצען איז די צעלער פערדעכטיגט געווארען פון איהר דיענסטגעבערין, אז זי האט ביי איהר צוגענומען א רינג אינ'ם ווערטה פון פופציג קראנען. זי האט זיך דאס גענומען צום הארצען און אויך ער איז געווארען שטארק מעלאנכאליש. פאריגען זונטאג האבען זיי בעזוכט זיינע עלטערן, וועלכע האבען זיי אבער זעהר שלעכט עמפפאנגען און געמאכט פאר-ווירפע וואס זיי מאכען זיך נאריש, נישט האבענדיג די מעגליכקייט צו הייראטהען.

דארויף האבען ביידע בעשלאסען זעלבסטמארד צו בעגעהן. זיי זענען פערפאהרען אין א האטעל און גרענער האט זיין געליעבטע געקוילעט מיט א ראזירמעסער. איהר אנבליק האט איהם אזוי דערשראקען, אז ער האט זיך אליין מעהר נישט געקענט קוילען. דעמילט איז ער ארויס געלאפען, געפאהרען א שטרעקע מיט דער באהן און איז אראב געשפרונגען צווישען די רעדער, מאכענדיג אנ'ענדע צו זיין טרויעריגען לעבען.

# די עראייגניסע אין פערזיען.

פון פערזיען קומען ווידער ידיעות וועגען אונרוהען, וואס הערשען אין געוויסע געגענדען. ווי ס'זעהט אויס, איז דארט די רעאקציע נאך נישט אין גאנצען בעזיעגט. אדער אפשר זענען פערהאנען אינטריגעס פון די אויסלענדישע מלוכות, וואס ווילען דוקא, דאס לאנד זאל נישט בערוהיגט ווערען, כדי זיי זאלען זיך בסדר קענען אריינמישען.



די עראייגניסע אין פערזיען: דער שאה מיט זיין לייב-וואך.

דער אבגעזעצטער שאה ווערד שוין דיעזע טעג ערווארט אין אדעס. מען האט שוין פון זיינעטוועגען געדונגען א דירה פאר 42000 רובל א יאהר.

דער יונגע שאה שטעהט אונטער שטענדיגער בעוואכונג פון כינעזישע און רוסישע סאלדאטען. די פערזער געטרויען נישט די רוסען, די רוסען נישט די פערזען — בעוואכען זיי דעם שאה און טאקי זיך געגענזייטיג... ס'איז א העכסט קאמישעס שפיעל.

# א פולווער-עקספלאזיט.

אין בודאפעסט איז אין דער פאטראנען-פאבריק פון דער פירמא וויים פארגעקומען א שרעקליכע עקספלאזיע דורך וועלכעס עטליכע מענשען האבען פערלוירען זייער לעבען.

די עקספלאזיע איז געשעהען אין מיטען העלען טאג 4 א זייגער נאכמיטאג אין א גרויסער האלצבאראקע, וואו ס'ווערען פאטראנען פון אלטע געוועהרע אבגע-ריינט פון זייער פולווער-אינהאלט. דאביי זענען בעשעפטיגט צומייסט יונגענדליכע ארבייטער.

אין דעם מאמענט, ווען די עקספלאזיע איז ערפאלגט, זענען אלע ארבייטער געווארפען געווארען אין דער היך. דער גאנצער רוים האט אויסגעזעהען ווי א ים פון פייער.

באלד איז די רעטונגס-געזעלשאפט אנגעקומען און אויך די ארבייטער פון די איבריגע פאבריקס-טהיילען האבען זיך גענומען צו דער רעטונגס-ארבייט. די פערונגליקטע ארבייטער זענען ארויסגעלאפען פערצווייפעלט, אבריסענדיג די ברענענדע קליידער פונ'ם לייב. 7 זענען געבליעבען טויד אויפ'ן ארט. זעהר פיעל זענען שווער פערוואונדעט.

די עקספלאזיע, איז געשעהען דורך א צונדקאפסעל, וועלכע מען האט אבגעבראכען פון א אלטער פאטראנע.



מר. נאטאן, דער נייער ענגלישער פאסט-מיניסטער.



מארד און זעלבסטמארד: יאזעף גרענער און ווילהעלמינא צעלער.



די קרעטא-פראגע: קרעטענזישע שאנדערמעריע.

# אבדאנקונג פון גריעכישען קעניג.

די קרעטא-פראגע איז, ווענינסטענס לעת-עתה, ערלעדינט. די גריעכישע פאהן איז אראבגענומען פון דער פעסטונג אין קאנעא. די טירקיי איז צופריעדען און די שוצמעכטע נרייטען זיך אן, נאך אמאל צוריקצוציעהען זייער מיליטער פון דער אינזעל, וואס האט אנגעארבייט אזא אויפרעגונג אין די וואכען זומער-טעג.

אבער א קרבן וועט די קרעטא-פראגע דאך פארדערן, ווי ס'זעהט אויס, און צוואר טאקי די גריעכישע דינאסטיע.

די קעניגליכע פאמיליע איז אין גריעכענלאנד קיינמאל נישט בעליעבט געווען. געהאלטען האט זי זיך נאר וועגען איהרע מחותנ'שאפטען מיט פיעלע הערשער-פאמיליע אין איירעפא. מען האט די גריעכען כסדר איינגערעדט, אז זיי וועלען ערלייכען דורך דער "פראטעקציע" פון דער קעניגליכען פאמיליע דאס, וואס זיי קענען נישט ערלייכען מיט די איינענע כחות.

איצט אבער, זעהענדיג, אז די קעניגליכע פאמיליע קען זיי נאר נישט העלפען אין דער קרעטא-פראגע, אדרבה, די שוצמעכטע אליין צווינגען די קרעטענזער, ווייטער צו בלייבען אונטער'ן יאך פון דער טירקיי, קעהרט זיך די גאנצע פערביטערונג פון פאלק נעגען דעם קעניג און זיין פאמיליע. צווישען די אפיציערע איז אויסגעבראכען א אפענער "בונט" נעגען קעניג און נעגען קראנפרינץ און זיי האבען געלאזט איבערריייכען דעם קעניג א מעמאראנדום, אין וועלכען זיי פאדערן, דער קראנפרינץ זאל אניעדערלעגען זיין שטעלע אלס אבערקאמאנדאנט פון דער ארמעע און אויך די איברינע פרינצען זאלען נישט אוואנסירען ביי דער ארמעע ניכער ווי יעדערער אנדערער אפיציער. חוץ-לזה פערלאנגען די אפיציערע געוויסע רעפארמען ביים מיליטער, וועלכע דער קעניג וויל נישט בעווילינען.

דער קעניג קען נאטירליך דיעזע פאדערונגען נישט אקצעפטירען און ער האט געלאזט ערקלערען דורך זיין אדיוטאנט, אז איידער דאס נאכצונעבען, וועט ער ליעבער צוזאמענפאקען זיינע זיעבען זאכען און מיט דער פאמיליע אוועקפאהרען פון לאנד. די ערשטע יונגסטע ערנאנטע רעגירונג אונטער'ן פרעזידיום פון ר ה א ל ל י ס האט דעמיסיאנירט. דער קעניג קען לעת-עתה נישט געפונען קיין אנדער מיניסטעריום און ס'איז מעגליך, אז די דינאסטישע קריזע וועט שוין דיעזע טעג אויסברעכען.

קעניג געארג פון גריעכענלאנד איז א פרינץ פון דענעמארק. קעניג איז ער געווארען אים יאהר 1862, וואוהל ער ווי זיינע זהן זענען ביים פאלק קיינמאל נישט בעליעבט געוועזן.

# א גרויסע שיפס-קאטאס-טראפע אין אמעריקא.

פון בוענאס-איירעס איז מען מודיע זעהר טרויערינע פ-טים וועגען א געוואלדיגער שיפס-קאטאסטראפע וואס איז פארגעקומען ביים ברעג פון מאנטעווידעא. צוויי שיפען האבען זיך דארט אנגעשטויסען איינס מיט'ן אנדערן און איינס פון זיי איז באלד ארונטער צום גרונד און מיט איהם זענען דערטרונקען געווארען הונדערטער פערזאנען.

די קאטאסט-אפע איז פארגעקומען דינסטאג, ווען ביים ברעג פון מאנטעווידעא האבען זיך אנגעשטויסען דער דאמפף-שיף "שלעזיען" פון דעם נארד-דייטשען ללאיד מיט'ן ארגענטינישען דאמפף-שיף "קאלומביא". די "קאלומביא" איז אזוי שנעל אונטערגעגאנגען, אז עס איז שוין נישט מעגליך געוועזן אפילו צו קלעהרען וועגען הילף.

כמעט דריי הונדערט פערזאן, מייסטענס פרויען און קינדער, וואס זענען א-ויס:געפאהרען צום נאציאנאלען יום-טוב קיין מאנטעווידעא, זענען דערטרונקען געווארען. עס האבען זיך נור גערעטעט דער שיפס-קאפיטאן מיט ווענינ פאסאושירען. דער קאפיטאן האט זיך, פאר גרויס ענמת-נפש, געוואלט דאס לעבען נעהמען. די דאמפף-שיף "שלעזיען" איז אויך בעשעדינט, אבער פון איהרע פאסאושירען האט קיינעם נישט געשאדט.

די שפעטערדיגע ידיעות פון לאנדאן שילדערן דאס גרויסע אומגליק מיט פאלגענדע ווערטער:

כמעט אלע שיפס-לייט, מאטראזען און שיפס-ארבייטער פון "קאלומביא" זענען גערעטעט געווארען דורך דעם דייטשען דאמפף-שיף "שלעזיען". נור פרויען און קינדער זענען אלע דערטרונקען געווא-ען. עטליכע פאסאושירען-מענער, וואס זענען ארויפגעקלעטערט אויף די זעגעל-בוימער פון שיף, האבען זיך גערעטעט פון טוידט. די צאהל פון די געראטעוועטע בעטרעפט איבער זיעבציג.

מען ווייסט נאך נישט, צי עס איז דאמאלס געווען אזא שטארקער שטורם אדער עפים אנדערש איז געוועזן די סבה פון דעם, וואס מ'האט נאר נישט געקענט ראטעווען. נור דאס איז זיכער, אז די כוואלעס האבען בשעת דער קאטאסטראפע זעהר שטארק גערוישט, און דאס האט געמאכט די רעטונג כמעט פאר א אוממעגליכע זאך.

דער דאזיגער אומגליק מיט א שיף איז דער גרעסטער, וואס האט זיך פערלאפען אין דרום-אמעריקא פון א סך יאהרען צוריק. און די אויפרעגונג און דער פחד צווישען דער בעפעלקערונג פון מאנטעווידעא און בוענאס-איירעס איז נישט צו בעשרייבען. טויזענדער שיפען האבען זיך פערזאמעלט ביים ברעג פון מאנטעווידעא און מאטען בארקעס און קליינע שיפען זענען ארויסגעפאהרען צום אומגליקליכען א-ט, וואו עס האבען נאך ארויסגעשטעקט די שפיצען פון די זעגעל-בוימער פון דער אונגליקליכער שיף.

דאס אומגליק איז נאך טראגישער דערמיט, וואס דאס רוב קרבנות זענען קליינע אונשולדיגע קינדער. פון די געראטעוועטע קינדער זענען עטליכע געשטארבען פון קעלט, ווייל דאס אומגליק האט געטראפען אין שלאף, אין מיטען-דערנאכט, בשעת זיי זענען געוועזן אויסגעטהון.

# א מיליאנער אים משוגעים-הויז.

אין מארדערנע קרימינאל-פראצעסע שפיעלט א גרויסע ראליע די פראגע וועגען דעם גייסטיגען צושטאנד פון די אנגעקלאגטע. יעדער פערטהיידינער בעמיהט זיך נאכצווייזען, אז זיין קליענט איז נישט קיין געמיינער פערברעכער, נאר ער האט די שלעכטע טהאט בעגאנגען אין אזא מאמענט, ווען זיינע גייסטיגע כחות האבען איהם פערלאזט און ער האט אליין נישט געוואוסט, וואס מיט איהם טהוט זיך. ס'איז דאס איבריגענס שוין א בעקאנטער כלל אין דער גמרא: "אין אדם חוטא אלא-אם-כן נכנס בו רוח שטות!"

אין זעהר פיעל וויכטיגע פ-אצעסע איז עס געלונגען, שווערע פערברעכער צו רעטען פון דער תליה אויף דעם אופן, אז דאס געריכט האט אנגענומען, אז זיי זענען גייסטיג שוואך און קענען נישט פעראנטווארטליך געמאכט ווערען פאר זייערע האנדלונגען.

אויף עהנליכער ארט איז אויך גערעטעט געווארען פונים טוידט דער בעקאנטע אמעריקאנישע מיליאנער הארי טהו פון פיטסבורג, וועלכער האט דערשאסען אין א ניו-יארקער קאבא-עט דעם ארכיטעקט ארנאלד וויהט, דאפאר ווייל ער האט איהם חושד געווען, אז ער בעלעסטיגט זיין פרוי.



א שיפס-קאטאסטראפע אין אמעריקא: דער צוזאמענשטויס פון די צוויי שיפען.



צוריק אויפבויען דאס בית-המקדש: דאס בילד פון דעם נייעם בית-המקדש.

# צוריק אויפבויען דעם בית-המקדש.

די „פריי-מויערער“ פון אמעריקא האבען בעשלאסען צו פעראייניגען זיך מיט זייערע חברים פון דער גאנצער וועלט, כדי אויפצובויען דאס בית המקדש אין ירושלים אויף דעם זעלבען ארט, וואו עס איז פריהער געשטאנען. זיי האפען, אז עס וועט זיי געלינגען צוזאמען צוקלויבען צווישען זייערע מיטגליעדער דעם ריעזיגען קאפיטאל, וואס מען דארף דערויף. לויט א נ׳אלטע לעגענדע פון די „פריי-מויערער“ האט שלמה המלך געגרינדעט זייער סעקטע און חירם מלך צור, וועלכער האט צוגעהאלפען בוי׳ם בויען דאס בית-המקדש, איז אויך געוועזען א פריי-מויערער.

ווי בעוואוסט, שטעהט איצט אויפ׳ן ארט, וואו עס איז פריהער געשטאנען דאס בית המקדש — א מאשע, לויט א מאהמעדאנישע לעגענדע איז דער „אבן שתיה“ דער ריזיגער פעלז, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעבויעט דאס בית המקדש — דער צענטער פון דער וועלט.

די פריי-מויערער ווילען בויען דאס נייע בית המקדש, לויט דעם פלאן פון דער תורה און לויט די נייע ענט-דעקונגען. ביי׳ם ערשטען בית המקדש האט געדויערט דאס צוגרייטען צום בויען — 3 יאהר און דאס בויען אליין — 7 יאהר. איצט, האפען זיי, וועט עס ניט אזוי לאנג געדויערען און דאס בית המקדש וועט דורך א קורצע צייט פערטיג ווערען.



דער פלאן פונ׳ם נייעם בית-המקדש.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער דאס בילד פון דעם בית-המקדש, ווי אזוי די פריי-מויערער ווילען עס אויפשטעלען, ווי אויך דעם פלאן דאצו. די ציפערן אויף דער פלאן בעצייכנען די איינצעלנע טהיילע פונ׳ם נאצען געביידע לויט פאלגענדער בעשרייבונג:

1) בריק איבער׳ן טיראפעאן-טהאל. 2) בית-הלבנון (מלכים א׳. ז׳ 2—20). 3) דאפעלטער דורכגאנג. 4) שער-המשפט. 5) דרייפאכער דורכגאנג. 6) היכל המלך. 7) דורכגענגע. 8) עזרה חיצונה. 9) צוועלף טרעפ. 10) טעראסע מיט זיילען. 11) די מויער ארום. 12) עזרת נשים. 13) טרעפ צום שער הנבוה. (שער ניקנור). 14) שער ניקנור. 15) חצר התיכון. 16) די צוויי תילען יכין און בועז. 17) דאס קדשי-קדשים. 18) דער מיטלערער טהורם. 120 פיס הויך. 19) מבצר אנטוניה. 20) 21) שטאלונגען פאר די קרבנות.

# זאב גלוסקיז׳ס יוביליאום.

אין געוויסע יודישע קרייזען איז פארינע וואך גע-פייערט געווארען דער 50-סטער געבורטסטאג פון דעם בעקאנטען יודישען כלל-טוער, ה׳ זאב וואלף גלוסקין, וועלכער ארבייט שוין זייט 30 יאהר לטובת-הכלל.

גלוסקין איז א שטילער רוהיגער מענש, ער האט נישט ליעב די רעקלאמע און דעם גרויסען טאם-טאם. איבערדעם איז ער אויך נישט בעקאנט אין דער ברייטער עפענטליכקייט. שטילערהייד אבער האט ער פיעל מעה-געווירקט, ווי מאנכע וואס „מלא כל הארץ כבודם“, וואס לאזען ארום זיך טרומייטערן און בלאזען פאר יעדער קלייניגקייט.

גלוסקין איז געוועזען איינער פון די ערשטע חובבי-ציון, גרינדער פון דער חברה „מנוחה ונחלה“, פון דער קאלאניע „רחובות“ אין ארץ-ישראל, פון דער חברה „כרמל“ צו פערקויפען ארץ-ישראל-וויין אין רוסלאנד און אין אמעריקא, ווי אויך פונ׳ם אריענט-כרמל „מזרחי“.

גלוסקין האט עס אויך אויסגעווירקט ביים באראן ראטהשילד איבערצונעבען די אדמיניסטראציע פון די וויין קעלערם אין זכרון-יעקב און אין ראשון-לציון די קאלאניסטען זעלבסט. און ער האט דעמילט פערלאזט זיין היימאטה און איבערגענומען די לייטונג פון די קע-לערס, וועלכע ברענגען זייט דעמאלט גרויסען פערדיענסט פאר די קאלאניסטען, אנשטאט שאדען, ווי פריהער.

גלוסקין איז אויך געוועזען איינער פון די גרינדער פון דער ליטעראַרישער חברה „אחיאסף“, פונ׳ם „אחיעזר“, ער איז געוועזען בעטהייליגט אינ׳ם העברעאישען טאגבלאט „הצופה“ און אין פיעל אנדערע נוצליכע כלל-חברות און אינסטיטוציעס.

איצט, ווייטערס ער וואהנט אין ארץ-ישראל, איז



זאב גלוסקין.

# אים הארעם פונ'ם סולטאן.

## אריגינאל־ראמאן פון דער יונגסטער צייט.

(צווייטע פארטזעצונג).

— הא, וואס איז דאס ? — נעמט זיך איצט די פאליציי צו חנה'טשי'ס פאטער — ביי דיר איז גאר געווען א מאגאזין פון רעוואלוציאנערער ליטעראטור ? דא ביי דיר האט מען אבגעהאלטען פערבאטענע פערזאמלונגען, געפלאנעוועט טער־א־ריסטישע אקטען ?

דער פראסטער, איינפאכער יוד בלייבט שטעהען ווי פערשטיינערט. ער שווערט זיך מיט כל־השבועות, פון נאר נישט צו וויסען, אבער ס'העלפט נישט...

— ביי דיר אין הויז האט מען אלסדינג געפונען ? — טענה'ט די פאליציי — ווער ווייסט, אויב אין די קעלערס געפונען זיך נישט אויך באמבעס, געהיימע דרוק־ערייען, פרעסען וכדומה. מיר מוזען דאס גאנצע הויז פערחתמ'נען, דו מיט'ן בני־בית וועסט אייך דורכשפאצירען מיט אונז...

— וועה איז מיר געשעהן ! — יאמערט חנה'טשי'ס מוטער — אזא בראך ! אזא קלאג ! וואס האב איך, רבונו של עולם, אזוי געזינדיגט, וואס דו שטראפסט מיך אזוי שווער ?...

די פאליציי קען זיך אבער וועגען דעם געוויין און געיאמער נישט קימערן, מען מאכט א פראטאקאל און שיקט עס אב צום נאטשעלניק פון דער „אכראנא“, וועלכער וועט קומען מאכען א גרינדליכע רעוויזיע.

ס'העלפען נישט קיין שום בקשות און תחנונים, קיין שום פראטעקציעס. אין אזעלכע זאכען איז די פאליציי זעהר שטרענג. חנה'טשיס עלטערן ווערען ארעסטירט מיט זייער דינער און דער סטרוזש פונ'ם הויז. אלע ביכער און פאפירען פיהרט מען איבער צו דער פאליציי און דאס הויז ווערד דערווייל פערחתמ'עט.

באלד קומט אראב דער נאטשאלניק פון דער „אכראנא“ און נעמט זיך צו דער „ארבייט“. מען ארעסטירט עטליכע פון חנה'טשי'ס חבר'טעס און חברים, ביי וועלכע זי פלעגט אפט פערקעהרען. אין גאנצען שטעדטעל טהוט זיך חושך, חנה'טשיס עלטערן ווערען פערשאלטען פון אלע איינוואהנער, דאתאר וואס זייער טאכטער האט געברענגט אזא אונגליק איבער'ן גאנצען שטעדטיל...

די רעוויזיעס וואס זענען געמאכט געווארען אין פערשיעדענע הייזער, האבען געברענגט נאך א גאנצע מענגע „פערבאטענע ליטעראטור“, קיין איינציג הויז איז מעהר זיכער געוועזן פאר א רעוויזיע, פאר א־ארעסטירונג. יעדער האט געציטערט פאר'ן לעבען און מורא בעקומען פאר דער איינענער שיין.

וואכענלאנג האט זיך געשלעפט די שליעדסטוויא. די „אכראנא“ איילט זיך נישט אין אזעלכע זאכען — דערווייל זענען די ארעסטירטע אבגעזעסען אין די לעכער פונים קליינשטעדטילדיגען קרימינאל אין שרעק און אין פערצווייפלונג...

---

### פיערטעס קאפיטעל.

## דער דאקטאר.

ווען אננא האט זיך אויסגעשלאפט פון איהר אהנמאכט, אין וועלכער זי איז געפאלען נאך די אכזריות קלעפ, וואס טאמאשעווסקי האט געקאשעוועט איהר לייב אין דעם פינסטערען קעלער, ווען זי עפענט די אויגען און קוקט זיך ארום, כדי צו דערקענען וואו זי איז, דערזעהט זי זיך אין גרויסען, לופטיגען, שעהן מעבלירטען צימער.

זי ליגט אויף א קליין בעטעל אויף בלענדענד ווייסע קישענס, צוגעדעקט מיט א בלוי־זיידענער קאלדרע. אויף א קליינעם נאכט־קעסטעל שטעהען פערשיעדענע פלעשליך און זאלבען, ווי געבען א קראנקען.

נעבען איהר זיצט א יונגער מאן מיט א היבש פריינדליך געזיכט, און פון אונטער דער גאלדענער בריל פונקלען צוויי גרויסע פייערדיג־שווארצע אויגען...

איהר קערפער שמערצט זי נאך שטארק, אזוי אז זי קאן זיך קוים ריהרען, יעדע בעוועגונג פערארזאכט איהר גרויסע שמערצען.

— וואו בין איך און וואס וויל מען פון מיר האבען ? — פרעגט זי דער־שראקען.

— האב קיין מורא, ליעבעס קינד ! — זאגט דער פרעמדער פריינדליך — דו געפינסט זיך נישט מעהר זיין די הענד פון דיינע פיינד...

— ווער זענט איהר ? — פרעגט אננא מיסטרויאיש.

— מיין נאמען איז דר. רוישער ! — ענטפערט דער פרעמדער — איך בין דא אהער געשיקט געווארען פון אייערע פריינד, וואס האבען אייך בעפרייט פון די שענדליכע מערדען־הענדלער, כדי צו היילען אייערע וואונדען און אייך ווידער געזונד צו מאכען, דערנאך וועט איהר צוריק קעהרען צו אייערע עלטערן.

דאס פריינדליכע אויסזעהען פון דעם פרעמדען מאן און זיינע ווייכע רייד האבען אננא אביסעל בערוהיגט. איהר מיסטרויען איז שוואכער געווארען.

— איך דאנק אייך און אייערע פריינד זעהר פאר אייער חסד צו מיר — זאגט זי — אבער קענט איהר מיר נישט זאגען, ווער זיי זענען און ווי אזוי זיי האבען זיך דערוואוסט פון מיין טרויריגען גורל ?...

— עס זענען דאס גוטע, עדלע מענשען — ענטפערט דער דאקטאר רוהיג — מיר וויסען נישט, ווער איהר זענד און פון וואנען איהר נעמט אייך דא. נאר מיר זענען געוואהר געווארען, אז די שענדליכע מענשענהענדלער האבען געפאקט א פריש קרבן צווישען זייערע לאפעס, זענען מיר געאיילט, עס צו בעפרייען, נישט פרעגענדיג ווער עס איז און פון וואנען עס קומט !

— אך, ווי גליקליך בין איך, צו בעגעגנען אזעלכע עדלע מענשען ! — זאגט אננא מיט א דאנק־פולען בליק אויף דעם פרעמדען מאן — איך קען אייך נאר בעצאהלען מיט מיינע הייסער דאנקבארקייט. גאט אבער וועט אייך בעלויהנען, אזוי ווי איהר פערדיענט עס...

— בערוהיגט אייך נאר, ליעבעס קינד ! — אינטערברעכט זי דער דאקטאר — דאס פיעלע רעדען שטרענגט אייך איין און איז שעדליך פאר אייער צושטאנד. איהר ברויכט נאר נישט פירכטען, איהר האט נאך געהאט גליק, וואס דער אונמענש האט אייך געקאטעוועט מיט דער קלענסטען בייטש פונ'ם קעלער, אייער הויט איז נאר א ביסעל געשפרונגען. און דאס וועט זיך א דאנק פון מיינע זאלבען אין 1—2 טעג פערהיילען, דערנאך וועט מען אייך אבפיהרען אהיים צו אייערע עלטערן.

אננא שוויינט און נאר איהר אויגען דאנקען דעם פרעמדען עדלען מאן.

דער דאקטאר זיצט נאך אביסעל, דערנאך ענטפערנט ער זיך מיט א פריינד־ליכען אבשייד.

באלד קומט אריין א יונגע פרוי און ברענגט דער קראנקער א קרעפטיגע וויין־זופע, אננא געניעסט זי מיט גרויס אפעטיט און פערפאלט באלד דאריף אין א רוהיגען אנגענעהמען שלאף.

זי כאפט זיך ערשט אויף געגען אבענד. דעמאלט ערשיינט ווידער די יונגע פרוי ביי איהר בעט און רייבט איהרע וואונדען מיט פערשיעדענע זאלבען. אננא פיהלט ווי די הויט פערהיילט זיך שנעל, זי שפירט שוין נישט מעהר די פריהערינע שמערצען.

זי וויל ביי דער פרעמדער פרוי פרעגען, וואו זי געפינט זיך — אבער יענע וועהרט אב, בעמערקענדיג, אז דער דאקטאר רוישער האט איהר פערבאטען, מיט דער קראנקער פיעל צו רעדען, ווייל דאס קען איהר שאדען.

נאך א קרעפטיגען נאכטמאל שלאפט אננא ווידער איין.

ווען זי ערוואכט, איז שוין גרויסער טאג, דורך די ברייטע גרויסע פענסטער שיקט די הערבסט־זון איהרע שטראהלען אין צימער אריין. אננא פיהלט זיך גע־קרעפטיגט דורכ'ן לאנגען שלאף און פרובט אויפצושטעהען.

באלד קומט אבער אריין די יונגע פרוי, ברענגט איהר א קרעפטיגען קאפע מיט בעקערייען אין זאגט, אז זי זאל ווארטען מיט'ן אויפשטעהען, ביז דער דאקטאר וועט קומען און זי נאכאמאל אינטערזוכען.

גענען צעהן א זייגער פארמיטאג ערשיינט טאקי דער דאקטאר רוישער, עבענזא פריינדליך און גוט ווי נעכטען.

— ס'איז אלסדינג אין ארדנונג — זאגט ער נאכדעם ווי ער האט אננא אונ־טערזוכט — אייער הויט איז אים גאנצען פערהיילט, דאס פיעבער איז געוויכען, בלייבט נאך איבער'ן טאג אין בעט, אבענדס וועט איהר קענען פאהרען.

אננא איז איבערגליקליך, זי ערגרייפט די האנד פון דעם פרעמדען מאן און דריקט זי הערצליך.

— איך בין ליידער איצט שטארק בעשעפטיגט — בעמערקט דער דאקטאר אויפשטעהענדיג — איך מוז נאך בעזוכען עטליכע שווער־קראנקע פאציענטען, ווען ס'וועט מיר מעגליך זיין, וועל איך אייך נאך זעהען פאר'ן אוועקפאהרען.

ער געזעגענט זיך פריינדליך און געהט.

אננא'ן איז דאס גאנצע ווי א רעטהועל. ווער זענען דאס די פריינדליכע מענשען, וואס האבען זי בעפרייט און ווילען זי אבשיקען א היים ? פארוואס ווייזען זיי זיך נישט פאר איהר ? זיי האבען זי אויך נאך נישט געפרעגט, פון וואנען זי איז ?

אבער דאס פערהאלטען פונ'ם דאקטאר און פון דער יונגער פרעמדער פרוי צו איהר איז אזוי פריינדליך און עדעל, אז זי צווייפעלט נישט קיין אויגענבליק אין זייער עהרליכקייט...

(פארטזעצונג קומט).

*) נייע אבאנענטען ערהאלטען די פריהערינע פארטזעצונגען אויף פערלאנגען גראטיס צוגעשיקט.

# א רייזע קיין ארץ-ישראל

די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג", וועלכע האט אין דער קורצען צייט פון איהר בעשטעהען געוואונען אזוי פיעל פריינד און אנהענגער צווישען יודישען לעזער-פובליקום, וויל אויסדריקען איהר דאנקבארקייט פאר דיזע אנהענגליכקייט, שרייבט זי אויס אלס א בעזונדערע פרעמיע פאר איהרע יעהרליכע אבאנענטען

# א בחנם'דיגע רייזע קיין ארץ ישראל און צוריק.

דאס רעכט אויף דיזער פרעמיע האבען אבאנענטען, וואס אבאנירען דאס בלאט דירעקט ביי דער אדמיניסטרא־ציע אויף א גאנץ יאהר און צאהלען איין דעם פולען אבאנע־מענטס-פרייז.

יעדער פון דיזע אבאנענטען בעקומט א לאז מיט א נומער. אין א בעשטימטען דאטום, וועלכעס וועט שפעטער בעקאנטגעגעבען ווערען, וועט שטאטפינדען א ציעהונג. און וועמעס לאז ס'וועט געוואונען, דער וועט בעקומען בחנם א

## רייזע-קארטע קיין ארץ-ישראל און צוריק פון זיין וואהנארט אויס.

די פערלאזונג וועט געשעהען עפענטליך, אונטער טהייל־נאהמע פון בעקאנטע יודישע פערזענליכקייטען. יעדער אבא־נענט וועט אויך האבען דאס רעכט, צו זיין אנוועזענד ביי דער ציעהונג.

דאס רעכט אויף די לאזע האבען אויך די ביזהעריגע יעהרליכע אבאנענטען. דיעיעניגע, וואס האבען דאס בלאט אבאנירט בלויז אויף א פירטעל אדער א האלב יאהר, קענען איצט צוצאהלען דעם רעשט און זיי וועלען עבענפאלס בעקו־מען דאס רעכט אויף טהיילנאהמע אין דער פערלאזונג.

**די רעדאקציע.**

## די פערלאזונג וועט פארקומען יום א' ב' דחול-המועד סוכות, 4 א זייגער נאכמיטאג אין קראקא, גראדגאססע 62.

---




Im Verlage von **F. Simon, Berlin W. 62**

sind erschienen und à **25 Pf.** zu beziehen:

**12 Hefte von Simon's kaufmännischer**

**Universal-Bibliothek**

1. Das Wesen der Buchführung speziell des amerikanisch. Systems
2. Praktische Rechenvorteile
3. Das Geheimbuch und die Detailgeschäftskontrolle (Umwandlung der einfachen Buchführung in die doppelte)
4. Stellenbewerbungs-Korrespondenz mit vielen Bewerbungsbriefen
5. Privat-Buchführung für Chef, Kommis und Lehrling
6. Briefschreibekunst
7.} Markt-Berichte und Erklärung der Waren-
8.} börse
9.} Prozesskunde mit Formularen (1 und
10.} 2 Teil)
11. Verjährung
12. Hypothekenwesen.

**Jedes Heft 25 Pfg.**

und inklusive Porto 28 Pfg. — 34 h. — 17 Kop

**Wechselwesen und Wechselrecht** einfach und übersichtlich 75 Pfg.

**Die einfachste Buchführung** für die speziellen Bedürfnisse des Kleinhandels bearbeitet vom gerichtlichen Bücherrevisor **Ferdinand Simon**. Das praktischste Buch dieser Art. Preis nur 1 M.

**Kalkulations-Wesen**
Separat-Abdruck aus meinem Buche »Gründliche Unterweisung« 1 M.

**Bankier u. seine Kundschaft 1,50 M.** (Erklärung der Diskont-, Devisen-, Börsengeschäfte etc.)

Der Versand erfolgt franko, gegen Voreinsendung des Betrages und 20 Pfg. für Porto vom Verlag:

**F. Simon, Berlin W. 62.**

---

**עפּילעפּסיע.**

וועך עס אן פאלויכט. קרעמ־פּפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאנגט בראשירע דאריבער. ערהעל־טליך גראטיס א. פראנקא דורך די **Privil. Schwanen-Apotheke. Frankfurt a. M.**




**10.000 הויזהאל־טונגען**

בענוטצען בערייטס די פּאטענט בוטטער „מא־נאפּאל".

דיזע בוטטער איז דער נאטורבוטטער צו יעדער בעציהונג גלייך, יעדאך בעדייטענד ביל־ליגער. קיינע הויזפרוי פערזיימע איינען פער־זוך דאמיט צו מאכען, ווא פּאטענט בוטטער נישט פאריהאנדען איז ווענדע מאן זיך די־רעקט אן דער I. Oesterr. **Pat. Butterfabrik „MONOPOL'** Krakau, Jasna 8. פּרייז פער $1/2$ קילא קרא. 1,20.

**Menachem Pidhoretz**
Hochzeitssanger (בדחן)
GRODEK JAGIELLONSKI

עמפּפעהלט זיך אויף אללער ארט חתונות אונד גאראנטירט פיר בעסטע צופריעדענהייט.
האנארער (שכירות) מעסיג.
אויף יעדער אנפראגע ווירד גלייך בעאנטווארטעט.

**Cur und Tafeltrauben**
Taglich frisch von Stock, grossbeerig süss
5 kg. K. 3.
**L. Altneu, Versecz 16. Ung.**

**HOTEL-RESTAURANT**
**Rosenthal**
**Lemberg,**
**Rzeźnicka.**
Telefon Nr. 1314.

Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.
**N. Katzner, Spedition u. Kommission**
Podwoloczyska, Wołoczysk, Brody und Radziwiłow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen
**Steinkohlen, Antracit und Koks.**
Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronebanderolle.

**Tylko tą marką ochronną**




**uznana za najlepszą**

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

Die reichhaltigste Auswahl in

# Neujahreskarten

u. z.: sowohl die billigsten als auch die elegantesten, geschmackvollsten bekommt man von 1 heller bis 40 K.

in der ersten galiz. Luxuspapier- & Wunschkarten-Confect.

en gros & detail.

## B Manne, Krakau

Krakauergasse Nr. 1 (Hotel Muller).

---

סענזאציאנעללע נייהייט!

בערייטס איבער די גאנצע וועלט פערבייטעט!

ענארם בילליג!

**מאנדליכט** איין וואונדער דער חעמיע אין יעדעם הויזע

זיננרייך קאנסטרואירטער אפפאראט. לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברענשטאף נעטיג, קיינע ווארטונג, דאהער גאראנטיערט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג גערוכלאז אונד אונגעפעהרליך. צאהלרייכע אנערקעננונגסשרייבען.

„מאנדליכט" מאדעלל M. I. II. III.

פרייזע: קראנען: 3·60. 4·80. 7·— 11·—

פראנקא אונד אינקלוזיווע פערפאקונג געגען פאראויזזענדונג אדער נאכנאהמע דעם בעטראגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Böhmen.**




Sensationelle Neuheit!

Bereits uber die Ganze Welt verbreitet!

Enorm billig!

**MONDLICHT** ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbständig. Kein Brennstoff nötig, keine Wartung, daher garantir kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlos und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

**Mondlicht** Modell M. I. II. III.

Preise: Kronen 3.60, 4.80, 7.—, 11.—

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.




**Mondlichtwerk A. Seib jun.**
**Warnsdorf 53/337 Böhmen.**

---

Bücher-Lieferung gegen Monatsraten!

Graetz, Gesch. d. Juden 13 B.
Meyrs, Con. Lexicon 20 "
Brockhaus " 17 "
Spamers, Ill. Weltg. 11 "
Inlönder Kon. p. d. Wörterbuch 4 "
Brehms Tierleben 11 "
Leixner, Literaturg. 4 "
Kaufm. Bibliothek 5 "
Weltall u. Menschheit 5 "
Allgem. Naturkunde 10 "
Sämtliche Klassiker (illus.)
Gediegene Belletristik "

Alles in neuester Auflage u. in Prachtbänden gebunden, liefert solventen Personen gegen Monatsraten v. K. 5. aufwärts.

**A. Weissmann,** Podgórze (Galizien).

## Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע מעטאדען) האנדעלסקארעספאנדענץ, דייטשע או. פאלנישע שפראכלעהרע, קייפמ. רעכנען, האנדעלס- או. וועכסעלרעכט, ווארענקונדע, געאגראפיע, שענשרייבען, עספעראנטא - וועלטשפראכע, וועלט-געשיכטע, קאנטארפראקסיס, סטענאגראפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאנן יעדערמאנן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים בריפליכען וועגע אונד און קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — ביי גלייכצייטיגער טיילנאהמע אן 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

האנאראר מעססיג, — ערפאלג גאראנטירט!

Gründl. briefl Ausbildung zum tüchtigen Kaufmann

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע, פראספעקטע א 50 העלי' פראבעבריעפע K. 2.50 פראנקא.

**Erstes commercielles Unterrichts-Institut.**
Abteilung für briefl. Unterricht

**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**

---

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumanien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nähere Auskunft und Preise gratis und franko!!

1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.

**Gründungsjahr 1864.**

---

# Kursa wieczorne

otwiera z dniem **1-go września 1909**
c. k. rządowo uprawniony

## Zakład wojskowo-naukowy

emert. Majora **A. Kornbergera i K. Moscheniego**

**w Krakowie**

dla Kandydatów całodziennie zajętych w biurach, kantorach lub w handlu, a którzy pragną przygotować się

**DO EGZAMINU INTELIGENCYJNEGO**
**(dla uzyskania prawa jednorocznej służby).**

Nauka rozpoczynać się będzie codziennie o $\frac{1}{2}$8 wieczor.

Opłata szkolna znacznie zniżona.

Bliższych wyjaśnień udziela

**Dyrekcya Zakładu**
ul. Stachowskiego l. 15.
„Willa Wanda".

---

**Zjedn. austr. akc. towarzystwo żeglugi parowej**

## „AUSTRO-AMERICANA"

Regularny  i bezpośredni

**ruch z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

| Rozkład jazdy: a) z Tryestu do Nowego Yorku | | Ceny jazdy z Krakowa: I. klasy | II. klasy | III. klasy |
|---|---|---|---|---|
| Martha Washington | 17 lipca | K. 431·40 | K. 355·10 | K. 208·80 |
| Argentina | 7 sierpnia | » 431·40 | » 330·10 | » 208·40 |
| Laura | 21 " | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 2 września | » 431·40 | » 355·10 | » 208·80 |
| Alice | 11 " | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 18 " | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Argentina | 25 " | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 9 październ. | » 431·40 | » 330·10 | » 208·70 |

**Ceny zawierają już amerykański podatek (pogłówne)**

Dla pasażerów jadących przez Nowy-Jork do Kanady **obniżają** się powyższe ceny o **K. 20.**

**b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro**

| | | I. klasy | II. klasy | III. klasy |
|---|---|---|---|---|
| Sofia Hohenberg | 4 sierpnia | K. 731·40 | K. 555·50 | K. 118·80 |
| Francesca | 15 września | » 731·40 | » 555·50 | » 118·80 |

Cena jazdy międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . » 168·80

**Zmiany zastrzega się**

Jeneralna Ajencja dla Galicji i Bukowiny i sprzedaż kart okrętowych

**GOLDLUST i SKA.**

Kraków, ul. Lubicz 7. (naprzeciw dworca kolej.) — Lwów, ul. Na Błonie l. 2.
jakoteż wszystkie prowincjonalne ajencje.

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy

**Skład Gramofonów**

**Józefa Wekslera**

we Lwowie — w Krakowie

Sykstuska 2 — Grodzka 71

Telefon 2038/II — obok Wawelu

poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony,** oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze.**



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908. najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu

Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.

Przeróbka lub zamiana Pathefonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.



Jeneralne zastępstwo
Towarzystwa Ack. Gramofonów
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«






איך בעטהרע מיך היעמיט בעקאַנט צו געבען, דאס איך דאס אַלטע רענאמירטע

## ווייגעשעפֿט

קאָגיאַק & ענ-דעטאיל

דער פירמא ילמן וואסערבערגער ז״ל איבערנאָמען האבע אונד זאָלכעס אונטער מיינער פירמא

### ל. מיקענברונן, קראקא, סטראדאם נר׳ 4 ווייטער פיהרע.

איך בין אין דער לאגע, ריינע נאַטירליכע אונגאַרישע ווייגע פֿיינסטער קוואַליטעט צו מעסיגען פרייזען צו פֿערקויפֿען. בעזינצע אויך פיעל אַלטע וויינע אין פלאַשען אונד פערקויפֿע זאלכע צו ביליגען פרייזען.

בעשטעלונגען פֿון דער פראָווינץ ליעפערע פראנקא, וואדורך דער פרייז אינפאַלגע

וועגפֿאַלענס דער פערצעהרונגסשטייער אום 20 העלער פער ליטער ביליגער אויס. אום צאהלרייכען צושפרוך ביטעט, אַכטונגספולל

**L. MÜGKENBRUNN, Weinhandlung, KRAKAU, Stradom 5.**



## קנאפף־מאשינען



נעבסט צונעהערע צום זעלבסטאָנפֿערטיגען פֿון שטאָף־ אונ לעדערקנעפפע פֿיר הערדען אין דאמען־קאָנפעקציאָן, מעבעל, וואגען עטצ. אויך דאפעלקנעפפע. עבענזאַ אלע אַרט פאזאמענטיר־ארבייטען ליעפֿערט צו זעהר בילינען פרייזען:

**Posamenten & Knopffabr.k**

**L. Taschner, Krakau, Grodgasse 6.**

פרייזקוראנטע אויף פערלאנגען גראַטיס.



## חדשה בספרות החנוכית.

## „שפתנו"

ספר למור השפה העברית עפ״י השטה הטבעית. מאת רפאל סופרמן וצבי שרפשטין.

חלק ראשון, (לשנת הלמיד הראשונה). **אלפא־ביתא ומקראה**

עם תמונות וציורים. מחירו כתר ועשרים הלר. פורטא 5 הלר. הוצאת „השרון", פשמישל.

„שפתנו" הנהו עפ״י סדורו המצוין, הדרגתו הנכונה, תכנו המענין והמועיל והדורו החיצוני — האלפון המשוכלל היחידי, העולה על כל הקודמים." — פרוספקט מפורט ישלח לכל דורש.

המכירה הראשית נמסרה אל:

**Amkraut & Freund, Przemyśl** (Galizien).



## לשנה טובה תכתבו!

גייאהרעס קארטען לראש־השנה ווערדען שען אונד בילינסט אנגעפֿערטיגט אין דער בוכדרוקערי:

Josef Fischer, Krakau, Grodgasse 62.

בעשטעלונגען פֿון דער פראווינץ ווערדען פאַסטוועגדענד אויסגעפֿיהרט.



## בעקאַנטמאַכונג!

אונטערצייכנעטער בעעהרע מיך היעמיט מיינען געעהרטען קונדען בעקאַנט צו געבען דאס איך צוועקס פערגרעסערונג מיינעס אונטערנעהמענס, נעבען מיינער אין קאשוי בעשטעהענדען בוכהאנדלונג, אין

## קראקוי, קראקויערגאססע נר׳ 37

איינע רייכסאָרטירטע מיט אללען נייערשיינונגען פֿערזעהענע

# עקספארט בוכהאנדלונג
# פֿיר יודישע ליטעראטור

אין העברעאישער יודישער אונד דייטשער שפראַכע עררינטעט האבע.

מיט דער עררינטונג דיעזער בוכהאנדלונג בין איך אין דער אנגענעהמען לאגע דען וואונשען מיינער געעהרטען קונדען אין יעדער הינזיכט, פאן דיעזעם פלאַטצע אויס אין וויט העהערעם מאאסע צו ענטשפרעכען.

גלייכצייטיג מאכע איך אויפמערקזאם דאסס נעבען מיינען קאטאלאג נר׳ 2 ערשיינט אנפאנגס ווינטער ל. י. איין נייער קאטאלאָג ענטהאלטענד אללע איבעראלל ערשיענענען נייען ביכער אין העברעאישער אונד יודישער שפראכע.

## בעשטעללונגען ווערדען פינקטליך אונד פראמפט אויסגעפיהרט.

אינדעם איך מיינע וו. קונדען פֿיר דאס מיר אין מיינער קאשויער בוכהאנדלונג געשענקטע פערטרויען דאנקע, ערזוכע איך מיר דיעזעס אויך אין מיינער נייען געשעפטסשטעללע צוצווענדען אונד מיך מיט צאהלרייכע אויפטרעגע צו בעעהרען.

האכאכטונגספאלל

# L. Fortgang, Krakau

**Krakauerstrasse 37.**



**Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski**

**Dr. Artura Frommera**

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

**Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej**

Telefon Nr. 81.



# Wiedeński Bank Związkowy

## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.

Kapitał akcyjny 130 milionów Koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.

Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe**. — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.